בס"ד

שנה ג'
נומער 157
**פרשת שמות**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



**א מעשה פון תפילה:**
## צוגעזאגט אריינצוגעבן א מעשה פון תפילה פאר'ן בלעטל

**א שיחה פון דער ראש ישיבה:**
## בעטן און אייסווארטן מיט סבלנות

**נאך וועם הייס איך:**
## אייביג געווען א גוטע אטמאספער אין געשעפט

# דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט

## אין תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי - ה' ויחי










## 3
**בריוו צו די רעדאקציע**
כבוד תלמידי חכמים


## 4
**שטעטל נייעס**
דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל


## 7
**היכל הקודש נייעס**
היכל הקודש מאנסי געפעפנט איבער טויערן בעזרת השם


## 12
**א סעודה מיט'ן ר"**
שבת קודש פרשת ויגש


## 20
**ענינא דיומא**
די טעג פון שובבי"ם



## 18
**א מעשה פון תפילה**
א געמאלן בילד פון א מעשה פון תפילה פאר קינדער


# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער איינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty
**שמות כ"א טבת תשפ"ג**

הדלקת הנרות.........04:32
מוצאי שבת............06:04

**מנחה מעריב ווארא ... 05:50**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 13 | 43°/28° | | Rain |
| Sat 14 | 32°/21° | | Cloudy |
| Sun 15 | 33°/21° | | Mostly Sunny |
| Mon 16 | 39°/28° | | Partly Cloudy |
| Tue 17 | 43°/36° | | PM Showers |
| Wed 18 | 43°/36° | | Showers |
| Thu 19 | 44°/34° | | Showers |
| Fri 20 | 43°/32° | | Showers |



געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה
**מו"ה אליעזר שמן הי"ו**
**וזוגתו חנה תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## בריוו צו די
# רעדאקציע

### כבוד תלמידי חכמים

בעזרת ה' יתברך - ליל שישי פרשת ויחי, י"ג טבת, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער אברהם הערש נרו יאיר, גבאי קרית ברסלב ליבערטי

שטארק זיך מיט דיין עבודת הקודש; הן מיט די גבאות, און הן מיט די שיינע קרית ברסלב בלעטל. די מפיצים זענען דאס מפיץ, זיי זאגן אלע אז דאס גייט זייער גוט, מענטשן זענען זיך זייער מחי'.

איך וואלט ווען געדארפט שרייבן יעדע וואך א בריוו, נישט נאר ווען איך האב עפעס צו זאגן וואס מען זאל פאררעכטן.

איך וויל מעורר זיין. פאריגע וואך פרשת ויגש איז געווען ביים "בילד צו דערקענען" געשריבן איינע פון די מענטשן - דער ראש ישיבה אין יבנאל, הרב הגאון רבי אליעזר אדלשטיין שליט"א. עס איז געשריבן געווארן שלא בכבוד סתם זיין נאמען, אן קיין "הרב" און אן קיין "שליט"א". דער ראש ישיבה אין יבנאל איז א גאון, ער איז געווען אלע יארן דער חברותא פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, ער קען ש"ס בעל פה בלי גוזמא. מען קען זיך דאס אליינס איבערצייגן; וואו מען פרעגט אים אין ש"ס - איז ער דארט בקי.

ביטע אכטונג געבן פון היינט און ווייטער מכבד זיין תלמידי חכמים.

ביטע דרוקן דעם בריוו אינעם בלעטל.

פון דער ראש ישיבה



# שטעטל נייעס

## דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל



פארגאנגענעם דאנערשטאג ויחי איז דער ראש ישיבה ארויסגעקומען אין שטעטל צו באזוכן די תלמוד תורה און די מיידל שולע, כדי צו מחזק זיין די קינדער און די איינגעשטעלטע.

צום ערשט איז דער ראש ישיבה אריין אין אפיס פון די מוסד צו אדורך שמועסן די עיניני המוסד מיט אלע פרטים וואס עס פעלט זיך אויס צו קענען אנגיין אויף ווייטער, דער ראש ישיבה האט מכבד געווען איינע פון די איינגעשטעלטע וואס ארבעט אין די מוסד שוין א לאנגע צייט צו ארויפלייגן די מזוזה אינעם אפיס, ארויסברענגענדיג די הכרת הטוב וואס ער האט פארן העלפן די מוסד ביז אהער מיט אזא געטריישאפט און איבערגעגעבענקייט.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין יעדע קלאס באזונדער און געזונגען מיט זיי די 'ואני' דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט זיי זאלן דאס זינגען מיט א געשמאק און זיך שאקלען מיט א ווארימקייט בשעת'ן זינגען, פארציילנדיג די מעשה פון א קינד וואס האט זיך פארשטעלט ווי א איד, און געלערנט אין חדר צוזאמען מיט אלע קינדער, איין טאג איז דער רב פון שטאט געקומען אין חדר און געפרעגט ווער דער אינגל איז, און געזאגט מען זאל נאכקוקן אויב דער אינגל איז א איד, מען איז דאס נאכגעגאנגען און מען איז געוואויר געווארן אז דאס איז טאקע נישט קיין אידיש קינד.

די חסידים האבן געפרעגט דעם רב מיט נייגער וויאזוי ער האט דאס דערשמעקט, האט ער זיי געזאגט אז ער האט באטראכט די קינדער, און ביי דעם קינד האט ער געזעהן אז ער רירט זיך נישט, ער דאווענט אזוי גראדערהייט אן זיך געבן איין שאקל, האט ער גלייך פארשטאנען אז דא ליגט עפעס אינטער דעם.

דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה ביי יעדע קלאס עקסטער, און אינטערעסאנט איז געווען אז ביי יעדע קלאס האט ער דאס פארציילט לויט די ׳יארגאנג פון די קינדער, ביי די קלענערע קינדער האט עס דער ראש ישיבה אראפגעלייגט מער אויף זייער וועג און אזוי ווייטער.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור פאר די איינגעשטעלטע, וואס ארבעטן אזוי געטריי מיט די קינדער יעדן טאג, און ארום געשמועסט די חשיבות פון זיין א מלמד אין די מוסד, ווי מען איז מחנך די קינדער צו האבן א ריינע אמונה אינעם אייבערשטן, דער ראש ישיבה האט גאר שטארק ארויסגעברענגט וויאזוי מען דארף זיך אפגעבן מיט די קינדער, נישט אלע עלטערן ווייסן וויאזוי זיך אפצוגעבן ריכטיג מיט יעדן קינד, און דער מחנך קען אנפילן דעם חלל, און ארבעטן מיט יעדן קינד אים אויפצוהייבן ווי עס דארף צו זיין, ער זאל אויסקוואקסן געזונט.

ביים סוף איז דער ראש ישיבה אריבער צום וואך נאכט פון האברך מו"ה יודל דעפריס הי"ו, מען האט דארט געדאווענט מנחה מעריב, דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אראפגעזעצט צו טועם זיין עפעס פונעם וואך נאכט, דער ראש ישיבה האט דארט ארום גערעדט פון די הייליגע מוסד וואס מיר האבן, אז די מוסד האט זיך געקענט עפענען פון אנהייב און האבן ווייטער א קיום אדאנק אנשי שלומינו וואס זענען דעמאלט געווען גרייט אריינצושיקן זייערע קינדער, דער ראש ישבה האט אויסגעפירט: "ווייל מיט מיינע קינדער אליין וואלט איך נישט געקענט עפענען א מוסד".

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געוואונטשן פארן בעל שמחה ער זאל זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער געזונטערהייט, דער בעל שמחה ר' יודל האט געגעבן פארן ראש ישיבה בשעת מעשה א מתנה א הערליכן ספר זוהר הקדוש אין איין באנד, פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט.

פון דארט איז דער ראש ישיבה צוריקגעפארן און נישט לאנג נאכדעם האט דער ראש ישיבה געגעבן דעם ליל ששי שיעור פאר אינגעלייט אין ישיבה.

# היכל הקודש נייעס

בלומינגראוו

## סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן געפראוועט בהשתתפות דער ראש ישיבה שליט"א



מאנטאג אוועגט פרשת ויחי אור ליום עשרה בטבת איז אפגעראכטן געווארן א דערהויבענע סעודת הילולא צום 178סטן יארצייט פון הייליגן רבי נתן, דער גרויסער תלמיד פון הייליגן רבין, וואס איז נסתלק געווארן עש"ק עשרה בטבת שנת תר"ה.

אויף די איינלאדענונג פונעם גבאי פון ביהמ"ד היכל הקודש אין בלומינגראוו מו"ה בערל לעווי הי"ו איז דער ראש ישיבה געקומען זיך באטייליגן צום יארצייט סעודה, צו מחזק זיין אנשי שלומינו פון קרית יואל והגלילות. אנשי שלומינו אין קרית יואל האבן יעדער געגומען א חלק אין צושטעלן די סעודה, איינער האט געמאכט בילקעס, איינער פיש, דיפס, טרונקען, זופ און אזוי ווייטער.

גאר א גרויסער ציבור איז זיך צוזאם געקומען צו די געלעגענהייט ווען מען וועט האבן די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה אין קרית יואל, עס זענען אויך געקומען צו פארן פילע אנשי שלומינו פון מאנסי און פון שטעטל, אלע האבן זיך זייער גוט געפונען אין דעם בית המדרש, ווי עס הערשט א גאר געשמאקע אטמאספער.

דער ראש ישיבה האט אויפגעטרעטן מיט א שיינע דרשה, פארן דרשה האט דער ראש ישיבה ארויפגערופן א חשובער אינגערמאן מאנשי שלומינו מו"ה פנחס דוד לעבאוויטש הי"ו וואס האט געמאכט א סיום אויפן גאנצן ספר "ליקוטי הלכות" פון הייליגן רבי נתן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס וועט האפענטליך געבן א שטופ פאר אנדערע אויך אנצוהייבן לערנען ליקוטי הלכות.

דערנאך האט מען געזונגען דעם ניגון וואס רבי נתן האט געזונגען "אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט וועט מען זען ווען משיח וועט קומען".

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט די סיפור התקרבות פון רבי נתן, ווי ער האט געזען ווי זיין חבר רבי ליפא זאגט די סליחות מיט אן עקסטערע געשמאק, ווען ער האט אויסגעפונען אז רבי ליפא איז נתקרב געווארן צו דעם נייעם רבי'ן אין מעדוועדיווקע, האט ער באשלאסן אז ער גייט אהין, און אויף יענעם ראש השנה איז שוין רבי נתן געווען ביים רבי'ן, נאכדעם וואס ער האט געהערט ווי דער רבי פארלאנגט אז מען זאל זיין ביי אים אויף ראש השנה.

גלייך ביים אנהייב האט אים דער רבי אויסגעזאגט דעם סוד פון זיך אויסרעדן צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו א גוטן חבר, און דאן האט רבי נתן געשפירט אז ער האט ביים רבי'ן געטראפן וואס ער האט געזוכט, ער האט געוויסט אז נישט קיין חילוק וואס אויף אים וועט נאר אריבערגיין האט ער שוין די עצה.

דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי נאכדעם וואס רבי נתן האט באקומען א תיקון פון רבי'ן צו זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, בשעת וואס רבי נתן איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און א גרויסער למדן, האט זיך אנגעהויבן שטארקע רדיפות אויף ר' נתן, אויף אזוי ווייט אז רבי נתן'ס טאטע האט געבעטן זיין שנור זאל זיך גט'ן פון זיין זון. רבי נתן'ס ווייב האט באשלאסן צו פרעגן איר טאטע, וואס האט איר געפרעגט צי רבי נתן לערנט, און ווען זי האט געענטפערט "ער האט אלץ געלערנט, אבער יעצט לערנט ער נאך אסאך מער", האט ער איר געזאגט "זאלסט אקערן מיט די נאז און ברענגען פרנסה", דאס האט געמיינט אז זי זאל טון אלעס וואס זי קען אים צו שטיצן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט אביסל איבער

<<<<

די פטירה פון רבי נתן ווי ער האט זיך אויסגעדרוקט "עזרא הסופר גייט אוועק" דאס האט ער געמיינט צו זאגן אז ער גייט אוועק פון דער וועלט, "און טריף פסול איז זיך מתגבר", דאס מיינט די מינות אפיקורסות און שמוץ, "נאר איך האף, אז איין בלעטל פון רבינ'ס ספרים וועט זיין א תיקון אויף אלסדינג", האט דער ראש ישיבה געבעטן אז מען זאל זיך מחזק זיין אין הפצה, אזוי אויך צו מחזק זיין און ארויסהעלפן די מפיצים, און זיי העלפן מיט וואס מען קען, מיט געלט, מיט טירחא, מיט רצון.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס איבער שלום בית, דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי אויף די עלטערע יארן פון רבי נתן'ס טאטע, פלעגט ער רופן זיין זון "רבי נתן", און ווען רבי נתן האט אים געפרעגט פארוואס ער רופט אים מיט א "רבי", האט ער אים געזאגט "פארפאלן, פון דיר האב איך נחת", דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אסאך מאל אין אנפאנג פון די התקרבות איז דא א גרויסע התנגדות פון די משפחה, אבער אויב מען וועט זיך האלטן שטארק, מכבד זיין די ווייב, מכבד זיין טאטע מאמע, קיינמאל זיך נישט טענה'ן, נאר זען ווי מען קען מוותר זיין, און רעדן שיין, וועט מען זען ווי צום סוף וועט זיך אלעס איבערדרייען.

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט "נאך א דיבור צום אייבערשטן, נאך א משנה, נאך א מוותר זיין" נאר דאס נעמט מען מיט.

דער שיינער באזוך פונעם ראש ישיבה אין בלומינגראוו וועט לאנג בלייבן איינגעקריצט אין די הארץ פון אלע באטייליגטע. דער גאנצער שיעור פון ראש ישיבה קען מען שוין הערן אויפ'ן האטליין.

**בני ברק**

## היכל הקודש בני ברק זיך אריבער געצויגן צו א גרעסערע בית המדרש



געלויבט דער אייבערשטער אז די שיינע ווינקל אין היכל הקודש בני ברק האט זיך שיין פארברייטערט צו א גרעסערע בית המדרש.

נישט לאנג צוריק האט מען געעפענט דעם שיינעם ווינקל, ווי אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם און מען דאווענט צוזאמען, מען איז זיך מחזק צוזאמען מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז, אויך האט מען שוין געהאט די זכי' אז פאריאר איז דער ראש ישיבה געווען אין דעם בית המדרש און מחזק געווען דארט אנשי שלומינו.

ברוך השם אז דער פלאץ איז שוין אויסגעוואקסן און מען האט גדארפט האבן א גרעסערע פלאץ כדי עס זאל זיין געשמאק פאר אלע אנשי שלומינו וואס קומען דארט דאווענען, אויך האט דער בעל הבית געמאלדן אז בקרוב גייט מען אראפווארפן דעם בנין, במילא דארפט מען טרעפן ווי שנעלער א נייעם פלאץ.

נאך אסאך תפילות פאר א גרעסערן שענערן פלאץ האט מען ברוך השם געטראפן גאר א געשמאקן פלאץ וואס איז אין צענטער פון שטאט אויף רחוב ירושלים, און פארגאנגענעם מאנטאג ויחי ערב די יארצייט פון הייליגן רבי נתן זצ"ל האט מען באנייט דעם בית המדרש, אלע אנשי שלומינו האבן ארויסגעהאלפן מיטן זיך אריבערציען צום נייעם לאקאל, מען האט צאמגעפאקט אלע ספרים און חפצים פונעם פריערדיגן בית המדרש און מען האט אלעס אריבערגעברענגט צום נייעם בית המדרש.

די נאכט פון עשרה בטבת, אינעם טאג פונעם יארצייט פון הייליגן רבי נתן זצ"ל האט מען באנייט דעם בית המדרש, אלע אנשי שלומינו פון שטאט בני ברק זענען זיך צאמגעקומען און מען האט געפראוועט א שיינע סעודה צוזאמען, מען האט געהאט א סיום פון הבחור חיים אייזנשטיין נ"י, מען האט געזינגען שיינע ניגונים צוזאמען, און דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן גאר ווארימע דיבורים פונעם גבאי מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז אז מיר זענען נאך אלס ביים רבי'ן, און מיר ווילן נאך אלס הערן די דיבורים פון רבי'ן, דאס איז די גרעסטע מתנה.

דער רבי האט געזאגט ווען ער איז אוועקגעפארן פון ברסלב קיין אומאן: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד" איר זאלט זיך האלטן צוזאמען און דאווענען צוזאמען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם", אויב איר וועט זיך האלטן צוזאמען און דאווענען צוזאמען - וועט איר מיר קענען ממשיך זיין צו אייך (חיי מוהר"ן קפז)

מאנסי

## בית המדרש היכל הקודש אין מאנסי געעפנט אירע טויערן



גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו, איינוואוינער פון ספרינג וואלי און די אומגעגנט, צו די עפענונג פונעם נייעם בית המדרש היכל הקודש, וואס וועט דינען ווי א לייכט טורעם פאר די שטאט, זיך מחזק צו זיין אינאיינעם מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז.

דער נייער בית המדרש געפינט זיך אין צענטער פון ספרינג וואלי אויף 34 יוניאָן רד. פון ווי אומצאליגע שעות תורה, תפלה, חסד, אמונה, חיזוק, און שיחות חברים וועט ארויסקומען, וואס וועט זיכער ברענגען א נחת רוח פארן אייבערשטן.

געלויב דעם אייבערשטן, אז עס גייט אן א הערליכע שיעור גמרא יעדע נאכט. יעדן אווענט אום 9:00 קומען זיך אנשי שלומינו צוזאם אינעם נייעם שול און מען לערנט אינאיינעם גמרא און דערנאך דאווענט מען אינאיינעם א געשמאקע מעריב. אזוי אויך אום שבת קודש, דערווייל נאר פרייטאג צו נאכטס און שלש סעודות, ווי מען וועט האבן די געלעגנהייט צו הערן שיינע דיבורים פון הייליגן רבי'ן, און זיך קענען דערהאלטן אויפן גאנצן וואך.

אנשי שלומינו אין ספרינג וואַלי האבן שוין לאנג ארויסגעקוקט צו קענען דאווענען אינאיינעם, און האבן אריינגעגאסן אין דעם אן א שיעור תפילות צום אייבערשטן, און יעצט דאנקט מען דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען צו דעם געשמאקן ווינקל צו זיך קענען האלטן אינאיינעם בדיבוק חברים, זיך שטארקן אינאיינעם צו שעפן ווייטער פון דעם ריינעם און לויטערן קוואל פון הייליגן רבי'ן.

**פתחו לי שערי צדק!**

בארא פארק

## אפדעיטס אין היכל הקודש בארא פארק



בארא פארק - דער בית המדרש היכל הקודש ברסלב וועלכע געפונט זיך אויף 4801 11 עוו. איז א הערליכע ווינקל וואס האט מצליח געווען אייצונעמען די שטאט אין די קורצע צייט וואס ז' געפונט זיך דארט. עס קומען כסדר צו פרישע מקורבים, פילע שכנים קומען כסדר אריין צו די תפילות, און צו נעמען די הערליכע גליונות, וואס אן דעם קען מען נישט אנגיין.

יעדע נאכט קומט פאר א דף שיעור פאר א האלבע שעה אום 8:20 וואס ווערט נאכגעפאלגט מיט א קורצע שיעור אין ספר המידות, זונטאג קומט דער שיעור פאר אום 7:15, און דאנערשטאג אום 7:45, דער שיעור ווערט פארגעלערנט דורכן געטרייען גבאי מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו. נאכן שיעור קומט פאר געשמאקע שיחות חברים, מען שמועסט פון מעשיות פון תפלה, ווי דער אייבערשטער העלפט ווען מען בעט אים, אזוי אויך מעשיות פון הפצה, ווי אויך קומען פאר פילע סיומים, ווען אינגעלייט און בחורים ענדיגן כסדר משניות, מסכתות הש"ס, און נאך מקצועות התורה.

שבת קודש מעין עולם הבא קומט מען זיך צוזאם צו אלע תפלות, שבת קודש אינדערפרי לערנט מען פאר דעם דף אום 8:45, און דערנאך אום 9:15 לערנט מען א קורצע שיעור אין שיחות הר"ן. דערנאך לערנט מען פאר ספר סיפורי מעשיות, וואס וועקט אלעמען אויף פון שלאף.

איינע פון די טייערע אינגעלייט מו"ה שמעון גאנצפריעד הי"ו האט צוליב דעם ריבוי עם קע"ה צוגעקויפט פילע ספרים, סידורים, און חומשים, אזוי אויך האט ער באשטעלט פרישע ספרים שענק אהערגעשטעלט מיט די אייגענע הענט אויפגעשטעלט, כדי נאכצוקומען דעם גרויסן ציבור וואס קומט כסדר צו צו נהנה זיין פון דעם לעכטיגן ווינקל וואס באשיינט גאנץ בארא פארק.



# „מעשיות פון תפילה"

## יודל אייזנער - קרית יואל:

שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו זיין שבת חנוכה ביים קיבוץ אין שטעטל און זוכה זיין צו ניצול ווערן פון עולם התוהו, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז ווער ס'וועט קומען צו אים ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות וועט ניצול ווערן פון עולם התוהו.

אלע וואס זענען געווען אין שטעטל דעם שבת האבן מיטגעהאלטן פון די נאנט די שווערע וועטערס וואס האבן זיך אפגעשפילט דעם שבת, די וועטער מבינים האבן פאראגעזאגט אז פרייטאג צונאכטס וועט די וועטער פאלן ביז צוויי די גראד אונטער זערא, און מיט די ווינטן וועט זיך עס שפירן ווי פינף און דרייסיג אונטער זערא, ווי אויך איז געפאלן מיטוואך און דאנערשטאג גאר א שטארקע שניי וואס האט פארשווערט דאס דרייוון אין שטעטל, איבערהויפט פאר די נישט שטעטל איינוואוינער וואס האבן נישט קיין שניי רעדער.

אנקומענדיג אין שטעטל דאנערשטאג אווענט האב איך פרובירט ארויפצופארן די באקאנטע איסט מאנגאפ בארג אין שטעטל, אבער אזוי ווי מיינע רעדער זענען נישט געמאכט צו פארן אויף שניי האט די גאנצע קאר אנגעהויבן גליטשן, איך האב פרובירט ארויפצופארן נאך שנעלער אבער ס'איז נישט געפארן, ביז אפאר סעקונדן האט די קאר אנגעהויבן אראפגליטשן צוריק צו וועגס און איך האב נישט געקענט אפשטעלן די קאר, איך האב מיך זייער דערשראקן, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זיך ארויסזעהן פון די מצב ווי אמשנעלסטן, אבער די קאר גליטשט ווייטער אראפ די בארג אזוי געמיטליך, איך האב גלייך געזאגט פארן אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער, אויב דו גייסט מאכן א נס, די קאר גייט אויפהערן גליטשן און ס'גייט ארויף פארן די גאנצע בארג ביז אויבן, גיי איך פארשפרייטן די מעשה פון תפלה אין די קרית ברסלב בלעטל"**, ווי נאר איך ענדיג די שורות הייבט די קאר אן צו פארן, ס'איז שטייטליך ארויף געפארן די גאנצע בארג ביז איך בין אנגעקומען אויבן בשלום, אן קיינער זאל געשעדיגט ווערן.

שכח אייבערשטער.

## אברהם יצחק אייזנער - וויליאמסבורג:

אפאר וואך צוריק בין איך געפארן קיין טאהש, זיין ביי מיין טאטע איבער שבת, די וועג פון טאהש קיין וויליאמסבורג איז נישט קיין קורצע וועג בכלל, און איך האב שוין געוואלט זיין צוריק אויף זונטאג האב איך געדארפט ארויספארן מוצאי שבת. אויפן וועג צוריק האט זיך אראפגעלאזט גאר א שווערע וועטער, ס'האט אנגעהויבן רעגענען, ס'איז געווארן פארנעפלט, די ראודס זענען געווארן אינגאנצן וואסעריג, ס'האט גאר שטארק פארשווערט דאס דרייוון, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז די וועטער זאל זיך אויסקלארן און איך זאל קענען דרייוון רואיגערהייט.

און שכח אייבערשטער אז די רעגן האט זיך אויפגעהערט און די נעפל איז אוועקגעגאנגען, און איך האב געקענט ווייטער פארן אן דעם וואס איך זאל ווערן געשטערט פון די וועטער.

שכח אייבערשטער!

## אלחנן זויבערמאן - וויליאמסבורג:

די לעצטע פאר וואכן האב איך געוויילט אין אמעריקע, איך קום פון ארץ ישראל וואס דארט טרעפט מען נישט אזא קעלט ווי דא אין אמעריקע, וויבאלד איך בין נישט צוגעוואוינט דערצו האב איך נישט געהאלטן ווארעם מיינע הענט, און די הויט איז געווארן אויסגעטריקנט, ס'האט זיך אנגעהויבן אפשיילן און ס'האט מיר זייער וויי געטון, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיך אויסהיילן אן קיין שוועריקייטן, שכח אייבערשטער אז מיינע הענט האבן אויפגעהערט וויי טון און ס'האט זיך אינגאנצן אויסגעהיילט.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע חוּפָּה וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנוֹת וָואס קוּמֶען פָאר אִין יְשִׁיבָה; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ לֶעקְטֶער אַרוּם אוּן אַרוּם דִי חוּפָּה כְּדֵי אַז יֶעצְט וִוינְטֶער זָאל נִישְׁט זַיין טוּנְקְל בִּשְׁעַת דִי חוּפָּה.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: "וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי חוּפָּה: **'אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִּירְט אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִּירְן?'"** מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ טְשֶׁעפֶּע וָוארְט. אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דֶערְצֵיילְן אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט, הַיִתָּכֵן אַזַאנְס צוּ שְׁרַייבְּן?!

דָאס הָאט מִיר דֶערְמַאנְט אַ מַעֲשֶׂה, אַז אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רָב פוּן שְׁטָאט זָאגְן אַז עֶר וִויל אַ דִין תּוֹרָה מִיט פְּלוֹנִי וֶועלְכֶער הָאט אִים מְבַזֶּה גֶעוֶוען; בִּשְׁעַת דִי דִין תּוֹרָה פְרֶעגְט אִים דֶער רָב: "וָואס הָאט עֶר דִיר פַארְשֶׁעמְט?" הָאט דֶער תּוֹבֵעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער אִיד אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אוֹיס גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ: 'דֶער נַאר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן שׁוּל! אִיךְ צֵייל בִּיז דְרַיי אוּן וֶוען אִיךְ זָאג דְרַיי וִויל אִיךְ אִים שׁוֹין זֶען אִינְדְרוֹיסְן'", אִיךְ בִּין פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיס גֶעלָאפְן - דֶערְצֵיילְט דֶער אִיד - יֶעצְט וִויל אִיךְ אַז עֶר זָאל מִיר בַּאצָאלְן פַארְן מִיר אַזוֹי פַארְשֶׁעמֶען בָּרַבִּים. הָאט אִים דֶער רָב גֶעזָאגְט: "יֶענֶער הָאט דִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט, דוּ הָאסְט זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשֶׁעמְט, וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן אַרוֹיס לוֹיפְן פוּן שׁוּל?!"

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט): "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן 'וָואס וֶועט זַיין מִיט אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ'?' וַוייל עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פוּן רֶבִּי'נְ'ס וֶוערְטֶער אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן אוּן אוֹיס פִירְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט בְּחַיָיו וְכוּ', הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּם עוֹלָם וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט: 'עֶטְץ הֶערְסְט וָואס עֶר פְרֶעגְט?' אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **'הָאבּ אִיךְ דֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִּירְט? אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִּירְט אוּן וֶועל אוֹיסְפִּירְן'.**

דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ - וִוי דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס. צוּבִּיסְלֶעךְ גֵייט אַרַיין זַיינֶע הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אִין דִי וֶועלְט; אִיבֶּעְרָאל רֶעדְט מֶען שׁוֹין פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן יֶעצְט הֵייבְּט אָן אַרַיין גֵיין אִין דִי וֶועלְט דֶעם רֶבִּי'נְ'ס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד'; מֶען זֶעט שׁוֹין אִין אַלֶע מְקוֹמוֹת בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת'ן וִוי בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי וִויל - אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

הָאסְט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דָא קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען וִוי דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס, מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין אוּן הֵיילִיג; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "**נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ**".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן זֵיי **חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג אוּן בִּילִיג**, אוּן נִישְׁט זוּכְן קֵיין זַייטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן כָּבוֹד הַמְדוּמֶה נָאר שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער.

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## טענות האלט אפ די ישועה

איינער האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א, 'איך ווארט שוין אזוי לאנג אויף א ישועה, איך בעט שוין אזויפיל תפילות און איך ווער נישט געהאלפן'.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "ווען א מענטש בעט אסאך דעם אייבערשטן, און ער לאזט נישט אפ דעם אייבערשטן, ער בעט און בעט און ווארט אויס די ישועה ווערט מען געהאלפן, מען טאר אבער נישט אריינגיין אין א לחץ 'איך בעט שוין אזוי לאנג און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן', ווייל דאס אליין **אז מען האט טענות אויפ'ן אייבערשטן פארוואס בין איך נאכנישט געהאלפן געווארן - דאס האלט אפ די ישועה.**

צום הייליגן רבי נתן ז"ל איז אמאל געקומען א גרויסער ארימאן און געבעטן א ברכה אויף פרנסה, האט דער הייליגער רבי נתן ז"ל צוגעזאגט, "דו וועסט אם ירצה השם האבן ברייט פרנסה", האט דער ארימאן געענפערט "אבער וואס טו איך ביז דערווייל?" האט דער הייליגער רבי נתן ז"ל געענטפערט, "**ביז דערווייל האלט מען אין איין בעטן דעם אייבערשטן**", דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן לד) תפלה איז א כלי מקבל צו זיין די שפע.

מען דארף בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן און אויסווארטן מיט סבלנות ביז דער אייבערשטער העלפט און מען זעט א ישועה".

# א מעשה
## פון א צדיק



## נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל "דִבְרֵי חַיִים" אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ דִי שְׁטָאט אוּנְגְוַואר, וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן צַדִיק דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר זָאל זָאגְן אַ דְרָשָׁה, אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסְן דְרוּשׁ מִיט טִיפֶע פִּלְפּוּלִים. דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ מְבַטֵל גֶעוֶוען זַיין דְרָשָׁה אַז ס'אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל ס'אִיז גֶעוֶוען בָּרַבִּים הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערְן כְּדֵי ס'זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּגַם אִינֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מָרָא דְאַתְרָא, אַז ס'אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן. וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ גֶעשִׁיקְט זַיין זוּן בַּאגְלֵייטְן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק דֶעם צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ לִכְבוֹדוֹ.

אוֹיפְן וֶועג זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְן זוּן, "זָאג דַיין טַאטְן עֶר זָאל נָאכְקוּקְן דָא אוּן דָא," - עֶר הָאט אִים צוּגֶעצֵייכְנְט מַרְאֶה מְקוֹמוֹת - "וֶועט עֶר זֶען אַז אִיךְ בִּין יָא גֶעוֶוען גֶערֶעכְט." - עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַייֵשׁ זַיין בָּרַבִּים, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ דֶער מָרָא דְאַתְרָא אוּן דֶער וֶועלְט'ס בַּארִימְטֶער גָאוֹן - וֶוען דֶער זוּן אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם טַאטְן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, "טַאטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר אָנְגֶעצֵייכְנְט דִי אוּן דִי מַרְאֶה מְקוֹמוֹת." דֶער מַהֲרַ"ם אַ"שׁ הָאט אַוַודַאי נָאכְגֶעקוּקְט דִי מַרְאֶה מְקוֹמוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר צַאמְגֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי דְרָשָׁה, אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "רַבּוֹתַי! אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען דִי אַלֶע מַרְאֶה מְקוֹמוֹת וָואס עֶר הָאט אִים צוּגֶעצֵייכְנְט. - דָאס הֵייסְט אַן אִישׁ אֶמֶת וָואס עֶר אִיז מוֹדֶה אַז עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. ווִידֶערוּם דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַטֵל זַיין בָּרַבִּים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק מוּזְן זִיךְ הַאלְטְן צֶעזַאמֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ צֶעזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן אוֹיבּ מֶען זוּכְט חֶסְרוֹנוֹת בַּיי יֶענֶעם וֶועט מֶען הָאבְּן אַ דוּרְכְפַאל.

(אשר בנחל אידיש מכתב י"א)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ט"ז -

**פארזעצונג פון פריער:** דער הייליגער רבי פלעגט אסאך וויינען צום אייבערשטן. ער האט געזאגט אז דאס קומט ווייל זיין משפחה שטאמט פון מלכות בית דוד, און דעריבער האבן זיי געווענליך א צעבראכן הארץ, זיי וויינען אסאך, און האבן נישט געווענליך א שמייכל אויפ'ן פנים.

***

איינמאל האט דער הייליגער רבי געגעבן זיין אלטע טלית פאר א מתנה פאר איינעם פון זיינע מענטשן, און ער האט יענעם אנגעזאגט, "זאלסט זייער אכטונג געבן מכבד צו זיין דעם טלית, ווייל אזויפיל פעדימער וויפיל ס'איז דא אין דעם טלית, אזויפיל טרערן האב איך פארגאסן צום אייבערשטן ביז איך האב געוואוסט וואס דאס מיינט א טלית".

דער רבי האט קלאר געזאגט אז אלע גרויסע מדריגות צו וואס ער האט זוכה געווען, איז אלעס געווען נאר ווייל ער האט זייער אסאך גערעדט צום אייבערשטן, געשמועסט מיט'ן אייבערשטן, און זיך אויסגעוויינט צום אייבערשטן.



די ארייננאנג פון שטאט מעזעביזש

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז סיי וועלכער מענטש וואס וועט אים נאכטון, ער וועט גיין אויף דעם הייליגן וועג, און זיין א שטארקער עקשן אויך צו רעדן אסאך צום אייבערשטן, וועט יענער אויך זוכה זיין צוצוקומען צו אלעס וואס ער דארף צוקומען, ווייל אלעס ווענדט זיך נאר אין וויפיל מ'הארעוועט צו רעדן אסאך צום אייבערשטן, צו מאכן אסאך תפלה און התבודדות, און צו וויינען און זיך בעטן ביים אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט דערציילט אז אין זיינע קינדערישע יארן פלעגט ער זיך פירן אז ווען ער האט געענדיגט עסן א סעודה האט ער זיך נישט באגנוגנט מיט'ן בענטשן ברכת המזון, נאר ער האט אויך געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אידיש אויף יעדע זאך וואס ער האט געהאט ביי די סעודה, אויף יעדע זאך וואס ער האט באקומען צו עסן.

צום ביישפיל אויב מ'האט אים געגעבן פאר'ן עסן אביסל לקח און בראנפן, און דערנאך אביסל רעטיך פאר די סעודה, און אזוי ווייטער יעדע קליינע זאך וואס ער האט באקומען צו עסן, האט ער געדאנקט אויף אידיש און אויסגערעכנט יעדע זאך באזונדער צו דאנקען דעם אייבערשטן אז ער האט דאס באקומען.

כאטש וואס ער האט אזויפיל געדינט דעם אייבערשטן מיט אזא ברען און מסירת נפש, איז דאס אלעס אבער געווען זייער באהאלטן פון מענטשן, קיינער האט נישט געוואוסט און געטראכט אז דער קליין אינגל דינט דעם אייבערשטן אויף אזא הויכן פארנעם.

איינמאל איז ער געגאנגען אינדערפרי אין מקוה, דאס איז געווען אין א קאלטע ווינטער טאג, און ווען ער איז צוריקגעקומען מיט די נאסע פיאות האבן די מענטשן זיך געוואונדערט אויף אים אז ער פירט זיך אויף אזוי נאריש, זיך צו וואשן דעם קאפ אין אזא קאלטן טאג. קיינעם איז אפילו נישט איינגעפאלן אז ס'קען גאר זיין אז ער איז יעצט געווען אין מקוה, און אז מ'האט אים געזען מיט נאסע פיאות האט מען פארשטאנען אז ער האט זיך זיכער געוואשן דעם קאפ, און זיי האבן דאס אנגעקוקט אלס א קינדישקייט אז ער האט זיך געוואשן דעם קאפ אין אזא קאלטע וועטער.

אלע זיינע קינדערישע יארן, פון ווען ער איז געבוירן געווארן ביז צו זיין בר מצוה און חתונה, האט דער הייליגער רבי געוואוינט אין מעזעביזש, דארט האט ער עוסק געווען אין עבודת ה' אויף א באהאלטענעם פארנעם, מיט א געוואלדיגע חכמה האט ער זיכער געמאכט אז קיינעם זאל זיך נישט דאכטן אז ער איז עפעס אנדערש ווי די אנדערע קינדער אין זיין עלטער, און ער האט טאקע מצליח געווען, קיינער האט נישט געוואוסט פון זיין עבודת ה', מ'האט אים אנגעקוקט ווי א געווענליך קינד אזוי יעדן איינעם.

פארזעצונג קומט אם ירצה השם
**גענומען פון ספר "פעלת הצדיק"**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת קודש פרשת ויגש - תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו עסן די סעודות ביי דער ראש ישיבה פרייטאג צונאכטס פרשת ויגש תשפ"ג, איך וועל מיטטיילן מיט די חשובע ליינער דאס ביסל וואס איך געדענק.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט די וואך אנגעטראגן א שידוך פאר א בחור און די זייט פון די מיידל שערט נישט די האר, בשעת מעשה איז געווען אנגעטראגן פאר די בחור א שידוך וואס ביי זיי שערט מען זיך יא אבער זיי זענען נאר מסכים צום שידוך אויב ער לאזט אפ היכל הקודש, איז דער שדכן געגאנגען פרעגן דער ראש ישיבה וואס איז ענדערש, נישט שערן די האר אדער אפלאזן ברסלב, האט דער ראש ישיבה זיך פארפלאמט: "ווער דארף היכל הקודש? אז א פרוי גייט מיט האר איז זי מעכב די גאולה".

שפעטער האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט וועגן די נושא פון שייטלעך, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מען האט מתיר געווען גיין מיט שייטלעך אבי מען זאל נישט גיין מיט אפענע האר, נאר צוליב דעם האט מען מתיר געווען שייטלעך".

דערווייל איז מען אנגעקומען אהיים און דער ראש ישיבה האט געעפנט די טיר מיט א ריזיגע שמייכל און אויסגערופן הויך: "גוט שבת! גוט שבת!" און קיינער האט נישט געענטפערט, האט דער ראש ישיבה נאכאמאל אויסגערופן הויך: "גוט שבת! גוט שבת!".

דער ראש ישיבה איז אריין אין שטוב און דער ראש ישיבה האט אנגעטון די ירושלימ'ע בעקיטשע, דער ראש ישיבה האט געגעבן פלעצער פאר אלע בחורים, און מ'האט אנגעהויבן זינגען זמירות.

אינמיטן שלום עליכם האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב: "דו הערסט ווי יעדער זינגט אזוי שיין?" איינע פון די קינדער האבן נישט מיט געזינגען זמירות, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "דו הערסט אויך ווי שיין דער קינד זינגט?..." **איך האב זיך געלערענט ווי אזוי צו מאכן די קינדער זינגען, דורך זיי אויסרומען און נישט פארקערט.**

מ'האט ווייטער געזינגען די זמירות, ס'איז געווען גאר א געשמאקע אטמאספער, יעדער איז געווען זייער פריילעך.

ביי אשת חיל האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די אשת חיל גייט ארויף אויפן רבי'ן", און דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער האט אים געפרעגט: "ווי אזוי קען זיין אז מ'האט געזינגען אשת חיל אויפן רבי'ן, שלמה המלך האט דאך געלעבט אסאך פאר דער רבי'ס צייטן?", האט דער ראש ישיבה געזאגט אז בעצם גייט עס ארויף אויף די שכינה, און דער ראש ישיבה איז אריין אין א גאנצע שמועס וואס די שכינה איז, דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווי אזוי קען זיין אז מ'זאגט פאר א מענטש: **"די שכינה רוהט אויף דיך'**, דער אייבערשטער איז דאך איבעראל?" האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די שכינה איז נשמת ישראל, און ווען מ'קומט צום צדיק איז דא השראת השכינה, וועגן דעם גייט אשת חיל ארויף אויפן צדיק. אזוי אויך ביי לשם יחוד פאר א מצוה, וואס איז דאס דער לשם יחוד וואס מען זאגט פאר יעדע מצוה? '**לשם יחוד**' - צו איינציגן, '**קודשא בריך-הוא**' דער הייליגער באשעפער, '**ושכונתיה**' מיט די שכינה, וואס מיינט איינציגן דעם אייבערשטן מיט די שכינה? זעט מען פון דא אז שכינה איז נשמות ישראל, און ווען א איד טוט א מצוה ווערט ער איינס מיטן אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט געשמעקט הדסים, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר יעדעם אז זיי זאלן שמעקן הדסים, ווייל דער רבי זאגט אז שמעקן הדסים איז מסוגל פאר קינדער תלמידי חכמים, האט איינער געפרעגט אויב ס'איז נאר פאר מענער אדער אויך פאר פרויען, דער ראש ישיבה האט נישט געענטפערט דערויף.

בשעת איינע פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן געשמעקט הדסים האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "ווען מ'ענדיגט שמעקן הדסים זאגט מען אהה"... און דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווער קען די מעשה מיט די "אהה"... דער ראש ישיבה האט דערציילט: "אמאל איז געווען א אינגערמאן וואס נאכן שמעקן די הדסים האט ער געמאכט "אהה", און זיין ווייב האט געזאגט אז ס'איז נישט שיין צו מאכן "אהה" נאכן שמעקן הדסים, האט דער מאן צוריק געענטפערט אז אזוי פירט זיך זיין טאטע, האט די ווייב געזאגט: "ניין" ס'איז נישט קיין שיינע זאך צו טון!" האבן זיי זיך אנגעהויבן טענה'ן אהין און צוריק, ביז די ווייב איז אוועק געגאנגען פון די שבת טיש, און צום סוף האבן זיי זיך גע'גט.

א ענדליכע מעשה איז פארגעקומען ווען איינער פלעגט טרינקען די זופ ביי די סעודה פון די טעלער, און ווען ער האט חתונה געמאכט זיין זון האט זיין ווייב אים געבעטן ער זאל אנהייבן עסן נארמאל מיט א לעפל, ווייל ס'פאסט נישט צו עסן אזוי ווען די שנור קומט, דער מאן האט נישט געוואלט, אזוי האבן זיי זיך אנגעהויבן קריגן, ביז זיי האבן זיך גע'גט".

דערווייל איז שוין געווארן שפעט, האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב אויב ער זאל זינגען די שטאטע 'אשת חיל' אדער די שנעלע, האט זי געזאגט אז מ'זאל זינגען א שנעלע ניגון.

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש, און נאכדעם האט דער ראש ישיבה געוואשן די הענט פאר אלע קינדער.

במשך די סעודה איז געווען זייער אסאך שמועסן אבער איך געדענק נישט די סדר און נישט אלעס, מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועל איך פרובירן די מערסטע וואס איך קען.

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר די קינדער דזשאָוקס און מעשיות פון רבי'ן פון קינדער ביכער, אויך האבן די קינדער געמאכט א פלעי' אויף די פרשה, **ס'איז געווען ממש א מחי' צו זיין דארט און זען ווי דער ראש ישיבה געבט זיך אפ און פארברענגט מיט זיינע קינדער.**

נאך יעדע עסן וואס מ'האט סערווירט האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב "**די עסן איז זייער גוט געווען**".

מ'האט אנגעהויבן זינגען זמירות, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די בחורים צו ביי זיי זינגט מען אויך זמירות ביי די סעודה, האט ער געענטפערט אז נישט, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "**די וויכטיגסטע זאך פאר א אידישע שטוב איז זינגען זמירות שבת**",

די קינדער האבן זיך געשפילט הויך און געמאכט אסאך גערודער, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט א בחור: "ענק האבן אויך א גרויסע משפחה?", האט ער געזאגט אז יא, זיי האבן זיבן קינדער, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "א משפחה פון 25 קינדער איז א נארמאלע משפחה, ווייל יעקב אבינו האט געהאט צוועלף שבטים מיט א טאכטער, און עס שטייט אז יעדע שבט האט געהאט א צווילינג, אויב אזוי קומט אויס אז אויב אונז האבן 11 קינדער איז עס נאך א קליינע משפחה..." און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אויפן קול: "**הייליגער באשעפער העלף אונז זאלן האבן נאך קינדער**".

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "נאך מיין חתונה האב איך געמיינט אז אונז גייען נישט האבן קיין קינדער, למעשה איז געווארן עפעס א שטיקל משפחה"...

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געזינגען א וויזניצע ניגון, און געזינגען דעם ניגון מיט די תנועות וואס מען מאכט אין וויזניץ ביי דעם ניגון, האט דער ראש ישיבה דערציילט אז ער פלעגט גיין צו די טישן פון וויזניץ, און דארט האב ער מקרב געווען דעם מנהל מו"ה אברהם משה שטראסער הי"ו, גלייך ווען איך בין מקורב געווארן צום רבי'ן האב איך מקרב געווען אברהם משה. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער איז מקורב געווארן דורך דעם ספר "אשר בנחל" וואס המפיץ הגדול מו"ה נתן יאקאבאוויטש הי"ו האט אים איינמאל געגעבן, און גלייך נאכדעם האב איך מקרב געווען אברהם משה".

דאס געדענק איך פון די הערליכע סעודה מיטן ראש ישיבה, איך האף די חשובע ליינער וועלן אויך הנאה האבן דערפון און ארויסנעמען שיינע זאכן אויף לעובדא ולמעשה.

# די טעג פון שובבי"ם




## זאג תהילים אנשטאט פאסטן

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֵייעֶן הַיינְט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּיקּוּן כז): אַז אִין דִי טֶעג קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית; וָואס וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ קֶען מֶען אִין דִי טֶעג אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר: "וָואס טוּט מֶען?" "וִוי הֵייבְּט מֶען אָן פַארְרֶעכְטְן?" מִיר זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי טִיף פַארְזִינְקֶען אִין דִי עֲבֵירָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן דַארְף עֶר פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים (פִיר אוּן אַכְצִיג טֶעג) פַאר יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדַארְפְט לֶעבְּן טוֹיזְנְט יָאר עֶר זָאל הָאבְּן גֶענוּג טֶעג צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים, אִיז לְמַעֲשֶׂה וִוי הֵייבְּט מֶען אָן?!

קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?" אַז מֶען וֵוייסְט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט מֶען אַז מֶען פַאסְט אוּן מֶען טוּט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוִויסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, נָאר אִיךְ וָואלְט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִילִים, דֶערִיבֶּער אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם צַדִיק רֶבִּי רְפָאֵל פוּן בֶּערְשִׁיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס מִקָארִיץ זי"ע, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּהִילִים אֲפִילוּ קַאלְט אָן קַיין הִתְעוֹרְרוּת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "זָאגְט אֲפִילוּ אַ קַאלְטְן קַאפִּיטְל תְּהִילִים, נָאר דֶער עִיקָר אִיר זָאלְט זָאגְן תְּהִלִים"; דֶער רֶבִּי הָאט דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, וַוייל עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶער וֶועלְט צוּ זָאגְן תְּהִילִים.

עצתו אמונה שמות תשע"ט

## זיין פרייליך שבת

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דֶעם שַׁבָּת.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם מֶדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): "כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת", אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ שַׁבָּת אוּן מֶען אִיז מְעַנֵּג דֶעם שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים; דָאס אִיז וָואס מִיר קֶענֶען נָאךְ טוּן צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז מִיר וֶועלְן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן עֶר וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ קַטְנוּת

און מאכְט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוֹין פוּן פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער נָאךְ פְרִיעֶר: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן דֶעם שַׁבָּת, אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאל אִיךְ נָאר טַאנְצֶען אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן הֵיילִיגְן שַׁבָּת".

עצתו אמונה שמות תשע"ט

## רעדן צו די קינדער פון קדושה

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְגֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן שׁוֹבָבִי"ם הֶערְן דִבְּרוֹת קוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מֶען הָאט גֶעהֶערְט דִי טֶעיפְס פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם תּוֹרוֹת וִוי דֶער רֶבִּי זי"ע פְלֶעגְט וֵויינֶען מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פּוֹגֵם צוּ זַיין בְּמִידַּת הַיְסוֹד, דָאס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּנְזֶער נְשָׁמָה אוּן אִין אוּנְז אַרַיין גֶעלֵייגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ מַיינֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית; אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סַאטְמֶערֶער חֵדֶר אִין בָּארָא פַּארְק, דָארְטְן רֶעדְן דִי מְלַמְּדִים פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעהֵייסְן, אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אָן קַיין הֶסְבֵּרִים אוּן אָן קַיין טַעֲמִים; מֶען לֶערְנְט דָאס פוּן קִינְדְוַוייז אָן. טַאטֶע מַאמֶע דַארְפְן דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזְרְ'ן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

וֶוען מֶען וַואשְׁט דָאס קִינְד אוּן וֶוען דָאס קִינְד גֵייט אִין בֵּית הַכִּסֵּא חַזְרְ'ט מֶען דָאס מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט מִיט אִים אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת מוּקְצֶה, דַארְף מֶען יֶעדְן שַׁבָּת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל חַזְרְ'ן מִיט דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן קַיין מוּקְצֶה, אוּן וֶוען מֶען זֶעט אִים אָנְכַאפְּן אַ מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאךְ זָאגְט מֶען אִים: "שַׁבָּת", "מוּקְצֶה", - בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִינֶעם קִינְד; עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז אַ אִיד טָאר נִישְׁט אָנְכַאפְּן שַׁבָּת קַיין מוּקְצֶה'דִיגֶע זַאכְן.

אַז דַיין קִינְד וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "טַאטֶע, פַארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן מוּקְצֶה?" וֶועסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן: "וֶוען דוּ וֶועסְט עֶלְטֶערְן וֶוערְן וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין", אָדֶער דוּ וֶועסְט אִים זָאגְן פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט: "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"? אַזוֹי אִיז מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית; וָואס מֵיינְט פְּגַם הַבְּרִית? "אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן בְּרִית", וָואס מֵיינְט זַיין הֵיילִיג? "זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן", פַארְוָואס? "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן דֶערְפוּן וַוייל נִישְׁט אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן פוּן דֶעם, דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן מְלַמְּדִים וֵוייסְן נִישְׁט דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט בַּיי דִי אֲסִיפַת מְלַמְּדִים דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט אִין בָּבֶל וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְצְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, פַארְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן - זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן פְרֶעגְט מִיר: "אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן..." וְאָמַר לִי "לֹא יָפָה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵוין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ", אָמַרְתִּי לוֹ "מִפְּנֵי מָה?" וְאָמַר לִי "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זי"ע אוֹיסְגֶעפִירְט: "זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית".

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זֶען אַסַאךְ נַחַת בַּיי זֵיי.

עצתו אמונה ויגש תש"פ



# דערקענט איר?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



מוהרא"ש זי"ע ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס
אין שטאט טבריה אין די אינגע יארן

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
אינעם קומענדיגן בלעטל**



# קינדער אפטיילונג

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת

וֶוער שְׁרֵייט דָארְט...? וָואס גֵייט דָארְט פָּאר...? לָאמִיר גֵיין נֶענְטֶער וֶועלְן מִיר קֶענֶען בֶּעסֶער זֶען.

דָא וואוֹינְט דֶער צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער, עֶס אִיז הַיינְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיסֶע יוֹם טוֹב, זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, יֶעצְט הַאלְט מֶען אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה.

אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֵייט דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט אוּן שְׁרֵייט מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דֶעם צַדִיק, עֶר הַאקְט אוֹיפְ׳ן טִיר, עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין, עֶר קְלַאפְּט אִין דִי פֶּענְסְטֶערְס.

דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט צַדִיקִים, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ קוּמֶען בַּיים צַדִיקְ׳ס הוֹיז אוּן לַאכְן אוּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער, יֶעצְט וֶוען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס, אַז זַיין רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק קוּמְט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם שְׁנַיידֶער עֶר זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן אוּן אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אִין דִי צַייט וָואס זַיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט צוּלִיבּ טוּן - וֶועל אִיךְ מוּזְן פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר, דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן".

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם צַדִיק, בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אֵיין קְלֵיין פֶּענְסְטֶער וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.


הֶע הֶע הֶע, כַא כַא כַא

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר, פְרֶעגְט עֶר רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע: "וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס זֶענֶען דִי גֶעשְׁרֵייעֶן?" הָאט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דָא אֵיינֶער וָואס הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיף צוּ פַארְשֶׁעמֶען, גֶעוֶוענְלִיךְ בִּין אִיךְ דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶּער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען וֶוען מַיין רֶבִּי אִיז דָא".

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא אֵיינֶעם, וָואס זָאל מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג"; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, אוֹיבּ מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה - קוּמְט מֶען אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט דִיר פַארְשֶׁעמֶען - זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט צוּרִיק טוּן, נָאר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִיר מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

לאה סאלז תחי' פון בארא פארק פארציילט:




געמאלן דורך: לאה סאלז







רחל שניצלער תחי' פון וויליאמסבורג פארציילט:




געמאלן דורך: רחל שניצלער






# נאָך וועם הייס איך?

**איך הייס:** חיים בויים נרו יאיר – קרית ברסלב
**נאָך:** נאך מיין זיידע הרה"ח חיים ראטה ז"ל

## אביסל איבער אים

מיין זיידע האט געהאט א מענער קליידער געשעפט אין וויליאמסבורג, בארא פארק און אין קרית יואל מיטן נאמען 'ראטה קלאודינג'.

מענטשן האבן זייער ליב געהאט צו קומען קויפן ביי אים ווייל ער האט אלץ געהאט א שמייכל און אלץ געגעבן א גוטווארט. עס איז געווען זייער א גוטע אטמאספער אין זיין געשעפט.

איינמאל איז געווען א משפחה וואס האט געהאט א פייער אינמיטן די נאכט, זייער גאנצע הויז האט אפגעברענט לא עלינו. מיין זיידע האט גלייך געעפענט די געשעפט פאר זיי צו געבן ספעציעלע פריוואטע סערוויס, אפילו עס איז געווען אינמיטן די נאכט, ער האט אויסשטאפירט די גאנצע משפחה בחינם.

באשעפער העלף איך זאל אויסוואקסן א פריילעכע ערליכע איד ווי מיין זיידע.

# קליין און שיין



פייגא פינטער תחי' קרית ברסלב



שיקט אריין
א בילד
פון אייער קינד

# טרעף

## די פארלאנגטע ווערטער

# איך וויל נאר לערנען און דאווענען, און מורא האבן פונעם אייבערשטן

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | ש | ט | ג | ו | י | פ | פ | ל | ט | י | ה | ת | א | ע | ל | ל | צ | ח | צ | צ | צ | כ |
| ק | ש | פ | ו | נ | ע | מ | ט | פ | ד | ז | נ | ו | י | י | ת | י | ק | ד | ט | ס | מ | ט |
| א | ו | נ | ו | ב | ז | פ | מ | ק | ס | ר | ז | ה | י | ט | י | ה | ז | ק | ע | ט | כ | נ |
| א | ל | א | א | א | ג | ל | ת | ח | ט | ו | ב | ת | ב | ר | ו | ב | ח | א | ז | ס | ע | צ |
| פ | ס | ג | ט | ה | ע | מ | ל | א | ש | ו | כ | כ | ע | ר | ס | א | ת | ח | ר | נ | א | ע |
| ד | פ | נ | ד | ר | ו | ג | ו | ש | כ | ז | ב | י | ר | ז | ש | ת | ס | י | ע | ע | ק | ל |
| ט | ז | כ | נ | י | ק | נ | א | ר | א | ג | י | י | ש | ב | פ | ד | ח | ו | כ | ת | כ | ט |
| ב | ז | ע | א | נ | ג | ת | כ | י | א | מ | ש | ז | ט | ס | צ | ד | ו | ח | ת | ש | א | ר |
| כ | נ | ו | ק | ק | ג | ש | ז | מ | ח | ב | ז | נ | נ | ט | פ | א | ל | ר | ח | ע | צ | כ |
| ג | ז | א | פ | מ | ש | ג | א | א | ע | ו | ל | ס | ד | נ | ד | פ | ו | צ | ת | ת | ג | ל |
| מ | א | פ | א | מ | ט | ז | ע | כ | מ | ה | ו | ר | פ | ז | ז | ס | ג | ב | א | ר | י | מ |
| ג | ג | ח | ה | ש | ש | ט | מ | פ | ע | ש | ק | ת | כ | ה | ט | נ | ב | ש | ז | ו | ת | ת |
| ק | ס | י | ת | י | א | ב | ת | מ | ג | כ | ו | מ | ת | ת | ט | ח | ר | ש | ו | ש | ש | ב |








העלף נחמן נתן זאגן תהילים אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם



# א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**נא.** דִּבְּרוּ תּוֹרָה וּנְבִיאִים בִּלְשׁוֹן הֲבַאי.

**טייטש.** דִּי תּוֹרָה, דִּי נְבִיאִים, אוּן דִּי חֲכָמִים, הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּמָאל מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן אַ גוּזְמָא.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | | | 4 | |
| | 6 | | | | |
| | | | | | 6 |
| | | | 1 | | |
| 1 | | | | | |
| 5 | | | | 3 | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 4 | 2 | | 7 | 3 | | |
| | | 5 | | 1 | | 8 | | |
| | | 6 | 3 | 9 | 5 | 1 | | |
| 6 | 8 | 2 | | | | 4 | 1 | 3 |
| | | 7 | | | | 2 | | |
| | 5 | 9 | | | | 6 | 8 | |
| | | | 9 | | 2 | | | |
| 9 | | 3 | 1 | | 8 | 5 | | 2 |
| 2 | 4 | | | 7 | | | 6 | 8 |



# חידות
## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן: שבת דארף מען**

א. זיין ערנסט

ב. זיין דערהויבן

ג. נאר פרייליך

ד. לערנען אסאך

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ער איז צוגעקומען צו זיינע מדרגות נאר דורך**

ענטפער: **זיך פירן פשוט**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**אדי היימליך תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת ויחי?

## פון אויבן אראפ.

1. היכל הקודש איז _____, היכל הקודש איז נישט א פלאץ
3. שטארק דיך מיט דיין צלם אלקים, דיין _____ און פיאות
5. א פרוי וואס שערט זיך די האר, איז זוכה _____ ערליכע דורות
6. גיין _____ נישט צניעות'דיג מאכט נישט פרייליך
8. _____ זיך און דערהאלט זיך
10. נוץ אויס דיינע קינדער יארן, גיי התבודדות, בעט דעם _____ דו זאלסט זיין א צדיק
14. יעדע מאל איידער דו פארסט מיט דיין קאר, זאלסט זאגן תפילת _____
18. יעדע מאל מען איז _____ די עלטערן איז מען מקיים נאך א מצוה

## פון רעכטס צו לינקס.

2. א קונץ איז צו זיין _____? א קונץ איז צו זיין פרייליך
4. מיט איין _____, מיט איין קרעכץ, אין איין סעקונדע, קען מען ווערן א גרויסער צדיק
6. א פרוי וואס פירט זיך _____ וועט זי זוכה זיין צו בנים צדיקים
7. בעט דעם אייבערשטן זאלסט האבן א שטארקע אמונה, _____ דעם אייבערשטן
9. זייער גוט אז איר ברענגט נישט מער אהיים די _____ אין שטוב
11. מקבל זיין פונדאסניי צו קומען יעדן טאג אין שול _____ די דריי תפילות מיט מנין
12. יעדע איינציגסטע מאל איידער מען פארט, לייגט מען א _____ אין פושקע
13. די אלע וואס גייען _____ זענען זייער באליבט ביים אייבערשטן
15. קום צום דאווענען אנגעטון מיט א הוט און _____



די ענטפערס פון פאריגע וואך



ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## קרית ברסלב ספרים סטאר
51 Twin Bridge Liberty NY 12754

מיר האבן א גרויסע אויסוואל פון אלע ספרים, ביכלעך און דבשעציקע אייטעמס, פאר אייך און די גאנצע משפחה.

**לייבי ראטה**
347-578-4449

בס"ד

*Behind Every*
**GOOD BUSINESS**
*Is a*
*Great*
**BOOKKEEPER**

We take care of all your bookkeeping and billing needs.

**KB Business Solutions**
**Ephraim Feldman**
**845-587-2421**

מיר נעמען אן צו דעליווערן פעקלעך צו און פון אלע היימישע געגנטער.

רופט נחמן ישראל יאקאבאוויטש
**347-768-4482**

פאר אלע אייערע הענדימאן ארבעט
רופט ישראל סאמעט
**845-866-4101**

**LOUNGE**
computer + comfort

עס איז ברוך השם אנגעקומען א נייע סקענער וואס מען קען ניצן צו סקענען אויף אלע פארמאטן.

פאר אנווייזונגען רופט מרדכי היימליך




You can have the Zechis to sponsor a visit in jail, it cost about $30 each visit, you can have a part in the big mitzvah
Call Ezra Baum **347-356-1863**




# בילדער
## אפטיילונג




סעודת הילולא פון רבי נתן זצ"ל אין היכל הקודש בלומינגראוו




האברך מו"ה פנחס דוד לעבאוויטש הי"ו ביים מאכן א סיום ליקוטי הלכות פאר די דיבורי התחזקות




די קינדער ביים מיטהאלטן די יארצייט סעודה




ביים טיילן כוס של ברכה




א שמועס נאכן סעודת הילולא

קרעדיט: יענקי פיש



קרעדיט: יענקי פיש



**יארצייט סעודה אין היכל הקודש בארא פארק**

**יארצייט סעודה אין היכל הקודש בני ברק**



**דער גבאי מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו ביים רעדן דיבורי התחזקות**



**הבחור חיים אייזנשטיין נרו יאיר ביים מסיים זיין א מסכתא**

קרעדיט: שלמה ווייס



קרעדיט: שלמה ווייס



**יארצייט סעודה אין היכל הקודש ברכפלד**
**לינקע בילד: אביגדור ווייס ביים מסיים זיין מסכת יבמות**

קרעדיט: שלמה טייטלבוים



**יארצייט סעודה אין היכל הקודש טברי'**

קרעדיט: ישראל העסקעל



**יארצייט סעודה אין היכל הקודש לאנדאן**



קרעדיט: משה ראזענבערג

יארצייט סעודה אין היכל הקודש ירושלים



קרעדיט: יצחק רוטנער

יארצייט סעודה אין היכל הקודש לעיקוואד



קרעדיט: אלי קעיל

יארצייט סעודה אין היכל הקודש מאנסי



קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש

יארצייט סעודה אין היכל הקודש קרית ברסלב



קרעדיט: אלי קעיל



קרעדיט: אלי קעיל

די ערשטע דף שיעור אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש מאנסי



קרעדיט: בערל שניצלער



קרעדיט: בערל שניצלער

קרית ברסלב - די קינדער ביים פארברענגען אין חצר פון תלמוד תורה






**ישיבה קטנה היכל הקודש ירושלים בײם פארן א נסיעה קיין טבריי׳ צו מקומות הקדושים און צום כנרת**



קרעדיט: שלמה האממער

**תפילין לייגן פון הבחור יושע יודא ראובן בן מו״ה משה שמואל הלוי היימליך הי״ו - מאנטאג ויחי**



קרעדיט: יוסי פרערויא

**חבורת היכל הקודש מאנטשעסטער ליל ששי ויחי**



קרעדיט: אייזיק ראטה

**ברית בן מו״ה מרדכי ראזענפעלד הי״ו - ה׳ ויחי**



קרעדיט: שמעון איינהארן

**ברית סעודה בן מו״ה יודל דעפריס הי״ו אין שטעטל ערב שבת ויחי**



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה

**וואך נאכט בן מו״ה יודל דעפריס הי״ו אין שטעטל ה׳ ויחי**

## דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל - ה׳ ויחי


קרעדיט: אייזיק ראטה

באזוכט אין די אפיס המוסדות


קרעדיט: אייזיק ראטה

באזוכט אין די קלאס פון המלמד מו״ה בערל שניצלער הי״ו


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים געבן א שמועס פאר די מלמדים


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים שמועסן מיט די מלמדים נאכן שיעור


קרעדיט: אייזיק ראטה

אין א שמועס מיט האברך מו״ה מנחם שטיינבערג הי״ו חבר הנהלה


קרעדיט: אייזיק ראטה

באזוכט אין די קלאס פון המלמד מו״ה הערשל שניצלער הי״ו


קרעדיט: שמעון אייזנהארן


קרעדיט: שמעון אייזנהארן

של״ס וברכת המזון אין בית המדרש פעולת הצדיק אין שטעטל בהשתתפות הרב ר׳ דניאל בוים שליט״א
בילד געכאפט נאכן זמן ר״ת



מסיבת בן גמלא אין היכל הקודש מאנסי - ד׳ ויחי





מסיבת בן גמלא אין שטעטל אין שטוב פון מו״ה ישראל חיים ברוין הי״ו - א׳ שמות





די אינגעלייגט ביים אינטערשרייבן די שטר שותפות

# מזל טוב

ברכות מזל טוב שלוחות בזאת קדם חברינו היקר

איש אשר רוח בו, עומד לימין מוסדותינו בכלל ולימין מורינו ראש

הישיבה שליט"א בפרט בכל עת ורגע

שלא על מנת לקבל פרס

**ה"ה מו"ה אברהם עקיבא רוטמאן הי"ו**

**ולנות ביתו החשובה תחי'**

**לרגל הולדת הבן למזל טוב**

יה"ר שיזכו לגדלו ולחנכו לתורה לחופה ולמעשים טובים

מתוך נחת וכל טוב. ויזכו לרוות נחת מלא חפניים מכל יוצאי חלציהם

בטוב ובנעימים.

וברכה אחת היא לאביו ידידנו היקר מנקיי עדת שבירושלים

ה"ה הרה"ח המפואר מו"ה **מרדכי אליקים געצל** שליט"א

ולנות ביתו החשובה תחי'

יה"ר שיזכו לרוות רוב נחת דקדושה ממנו ומכל יוצאי חלציהם מתוך

בריות גופא ונהורא מעליא

המברכים

הנהלת המוסדות בארץ הקודש



לגדלו

לחנכו

לתורה

לחופה

ולמעשים

טובים


בס"ד
בשורה טובה ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
חיזוק צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com

בס"ד

לעידים אקזילעדי טוהט אהעדשטעלן:

# דערווארעמט אייך!

## midwinter warm-up party

- Exciting raffles
  - 1 for $18
  - 3 for $36
  - 5 for $50
  - 15 for $100
- ספעציעלע door prizes
  פאר קינדער

- געשמאקע פראגראם
- לייכטע refreshments

עס ווארטן אייך צו באגריסן!
Come & enjoy



| Borough Park | Liberty | Staten Island | Williamsburg |
| --- | --- | --- | --- |
| TUESDAY - 17 JAN - 9:00 PM | MONDAY - 16 JAN - 8:30 PM | TUESDAY - 24 JAN - 8:30 PM | TUESDAY - 17 JAN - 9:00 PM |
| בית מדרש היכל הקודש | תלמוד תורה היכל הקודש | בית מדרש היכל הקודש | בית מדרש היכל הקודש |
| 4801 - 11TH AVE | 39 CHESNUT | 24 WHEELER AVE | 27 SKILMAN ST |

| Toms River | Monsey | Monroe | Tosh |
| --- | --- | --- | --- |
| TUESDAY - 17 JAN - 8:30 PM | TUESDAY - 17 JAN - 9:00 PM | WEDNESDAY- 18 JAN- 9:00 PM | TUESDAY - 17 JAN - 8:30 PM |
| 1418 OAKWOOD HOLLOW | 8 COLLINS AVE. | | 371 TASH |

RU22240@GMAIL.COM